בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

נח
ו' מרחשון תשפ"ד
די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:26 |
| מוצש"ק | 7:36 |
| ר"ת | 7:17 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:50 | סוז"ת א' | 10:01 |
| סוזק"ש ב' | 9:35 | סוז"ת ב' | 10:31 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': נ"ב
שנה ב'

## טיב הפרשה

# כי אותך ראיתי צדיק
## דער כח פון נח צו גיין קעגן די שטראם

אויף די ווערטער 'כי השחית כל בשר' זאגט רש"י אז די מענטשן וואס האבן געלעבט אינדערצייט פון דער דור המבול זענען געווען אזוי פארדארבן אז אויך די חיות און די בהמות זענען געווארן פארדארבן.

אז מען באקומט א שטיקל באגריף איבער ווי גרויס איז עס געווען די השחתה אין יענע צייט, פארשטייט מען פון דעם ווי גרויס איז געווען די צדקות פון נח, אז ער האט זיך געהאלטן ערליך און אפגעהיטן פון די שטראם פון פארדארבנקייט מיט וואס די וועלט איז געווען פול.

עס איז ידוע די ווערטער פון דעם הייליגן רמב"ם [הלכות דעות פ"ו ה"א] אז ביי מענטשן איז דא א נאטור אז זיי ווערן נאכגעשלעפט נאך די סביבה. דער רמב"ם פירט דארט אויס אז ווייל די סביבה בעאיינפלוסט א מענטש ליגט א פליכט אויפ'ן מענטש צו וואוינען אין א סביבה פון ערליכע אידן, אבער דא ביי נח איז עס נישט געווען.

די וועלט איז געווען פארדארבן אז די חיות און בהמות זענען געווארן נאכגעשלעפט, אבער ער האט זיך געהאלטן שטארק און זיך נישט געבויגן צו די ארומיגע סביבה. נישט נאר האט ער זיך געהאלטן שטארק, נאר ער האט אויך צוריקגעהאלטן זיינע קינדער פון ווערן נאכגעשלעפט נאך די מצב וואס עס האט געהערשט אין גאס.

**ווען נח'ס קינדער וואלטן נישט געווען קיין צדיקים וואלטן זיי נישט געקענט זיין אין די תיבה, און אז זיי זענען יא געווען איז א סימן אז זיי זענען געווען צדיקים און זיי האבן זוכה געווען אז די וועלט איז ארויסגעקומען פון זיי.**

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### נַח נֹחַ אִישׁ צַדִּיק

צומאל זעען מיר אזעלכע מענטשן, וואס קענען אפילו זיין חשוב'ע מענטשן, וואס זענען נישט נֹחַ לַבְּרִיּוֹת, זיי טוען זיך אפטמאל באקלאגן אויף אנדערע, זייענדיג גערעכט אדער נישט גערעכט. זעלבסטפארשטענדליך אז קיינער וויל נישט שטיין נאנט צו אזעלכע מענטשן, און אויב איינער געפינט זיך יא נאנט צו זיי, איז עס נישט אנדערש נאר ווייל ער מוז, און אויף אזוי ווייט גייט עס, אז עס זענען דא מענטשן וואס זענען אפילו גרייט צו פארלירן זייער פרנסה, אבי נישט צו זיך געפינען אין די סביבה פון אט די צאָרנדיגע מענטשן.

פון די אנדערע זייט זעען מיר אז עס זענען דא אפילו פשוט'ע מענטשן, און אויך חשוב'ע מענטשן, וואס האבן א געשמאקע באנעמונג, זיי רעדן רואיג און זיי זענען נֹחַ לַבְּרִיּוֹת, און יעדער איינער וויל זיין אין זייער סביבה, **אויף אזוי ווייט אז מענטשן וועלן זיך אויסזוכן אלע סארטן סיבות און תירוצים כדי זיך צו געפינען אין זייער סביבה, וויבאלד יעדער רגע וואס מען געפינט זיך נאנט צו א רואיגער מענטש, טוט צוברענגען רואיגקייט און צופרידנקייט פאר זיי.**

לאמיר כאפן א בליק אויפן רַגְזָן. אויסער דער שאדן וואס ער האט אין זיין געזעלשאפט (סְבִיבָה), האט ער אויך גאר א גרויסער שאדן פאר אים אליין, וויבאלד מענטשן האלטן זיך צוריק פון זיין נאנט צו אים, סיי צווישן די משפחה מיטגלידער, און סיי צווישן שכנים און חברים (אויב ער האט, ווייל קיינער וועט דאך נישט אליין אויסוועלן זיך צו געפינען צוזאמען מיטן רַגְזָן, אזוי אז זיין שאדן איז זייער גרויס, און צומאל דערלייגט דערפון אויך די סביבה.

אויסערדעם, דארפן מיר אויך טראכטן, צי דער אויבערשטער איז צופרידן פון אונזער אויפפירונג, צודען וואַרט דער אויבערשטער פון אונז אז מיר זאלן זיך אזוי פירן?

אויב עס איז אונז שווער צו געפינען אן ענטפער אויף אט די פראגעס, לאמיר געבן א קוק ביים סוף פון די פריערדיגע פרשה, און אנהייב פון די היינטיגע פרשה, פרשת בראשית ענדיגט זיך מיט די ווערטער 'וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי הַשֵּׁם' און פרשת נח הייבט אן מיט די ווערטער 'אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק', קען מען זאגן אז דא איז מרומז אז דער וועלכער איז 'נֹחַ' לַבְּרִיּוֹת, ער ווערט נישט אויפגערעגט, נאר ער איז מוותר און איז מוחל אויף זיין כבוד, דער איז 'מָצָא חֵן בְּעֵינֵי הַשֵּׁם', דעם האט דער אויבערשטער ליב, און נישט נאר דאס, נאר אויך 'נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק' – איינער וואס איז זייער נֹחַ לַבְּרִיּוֹת, דער ווערט שוין אנגערופן אין די תורה 'אִישׁ צַדִּיק'.

**זאל אונז דער אויבערשטער געבן די זכיה אז מיר זאלן זיין אֲהוּבִים לְמַעְלָה וְנֶחְמָדִים לְמַטָּה.**

עפ"י טיב התורה – נח

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

די תוה"ק דערציילט אונז דערוועגן און לערנט אונז אויס א וועג וויאזוי מיר זאלן זיך פירן אין אונזער לעבן. עס געשעט צומאל אז א מענטש שפירט אז ער קען נישט גיין קעגן די שטראם, אז אויב ער וועט נישט טון ווי יעדער טוט וועט ער ליידן די נאכווייען, מען וועט לאכן פון אים און עס וועט אים קאסטן א טייערן פרייז, אבער דא זעט מען די פארקערטע, אז נאר וויל זיי זענען געגאנגען קעגן די וועלט האבן זיי זוכה געווען צו בלייבן לעבן און ניצול ווערן פון דעם ביטערן מבול וואס האט געהערשט אויף די וועלט און אז פון זיי איז ארויסגעקומען די גאנצע וועלט.

די נקודה איז א כלל גדול אין עבודת השם. אסאך מאל טרעפט זיך אז א איד דארף גיין קעגן די שטראם אין גאס אויף צו בלייבן ערליך און נישט כאפן קיין התפעלות פון קיין שום זאך, ווייל נאר אזוי וועט ער קענען דינען הקב"ה בשלימות.

**די כח צו גיין קעגן די וועלט האט השי"ת אריינגעלייגט אין די הארץ פון יעדן איד. דער מדרש [אסתר רבה ו. ב] זאגט אז וועגן דעם ווערט א איד אנגערופן מיט'ן נאמען יהודי ווייל דאס איז מלשון 'יחידי'.**

דער מדרש שמועסט אויס דארטן אויפ'ן ארט אז וועגן דעם שטייט עס אין די מגילה אויף מרדכי הצדיק, ווייל מרדכי הצדיק איז געווען די איינציגסטער צו גיין קעגן די שטראם פון די וועלט, אין א צייט ווען די גאנצע וועלט האט זיך געבוקט צו המן איז ער געווען דער איינציגסטער וואס האט זיך נישט געבויגן פאר המן, און ווייל ער איז געווען א יחיד ווערט ער אנגערופן מיט'ן נאמען 'יהודי'.

אויך דער נאמען 'עברי' מיט וואס א איד ווערט באטיטלט, ווי מען זאגט אויף אברהם אבינו אז ער איז געווען 'אברהם העברי', נעמט זיך פון דעם, און ווי דער מדרש זאגט [בראשית רבה מב] למה נקרא שמו אברהם העברי? און רבי יהודה זאגט דארט אז ער הייסט אזוי, ווייל די גאנצע וועלט איז געשטאנען אויף איין זייט, און ער איז געשטאנען אליינס אויף די צווייטע זייט.

די כאראקטער האבן מיר באקומען פון אברהם אבינו. ער האט עס איינגעפלאנצט אין אונז און עס גייט אריבער ביי אונז פון דור צו דור, און וועגן דעם ווערן אויך די אידן אין אלע דורות אנגערופן מיט די נעמען פון 'יהודי' אדער 'העברי' ווייל זיי צייכענען זיך אויס מיט דעם כח אז זיי קענען גיין קעגן די וועלט און נישט כאפן קיין התפעלות פון איר.

מיט די כאראקטער הייבט אן דער רמ"א זיינע הגהות אויף די שלחן ערוך און זאגט אז דער מענטש זאל זיך נישט שעמען פון די מלעיגים און אז דאס איז דער יסוד פאר די גאנצע תורה, ווייל די בושה איז א גרויסער אפהאלט, אבער אז מען האט די שטארקקייט צו גיין קעגן די וועלט קען מען זיך שטארק משלים זיין אין עבודת השם.

עס ליגט אין די מענטשליכע נאטור זיך צו וועלן געפעלן פאר אנדערע און עס קען אסאך מאל ארפשלעפן דער מענטש צו גאר נידריגע שטאפלען, אבער אז מען האלט זיך שטארק קעגן דעם בלייבט מען שטארק קעגן די נסיונות.

זאל השי"ת געבן די כוחות אז מען זאל זיך קענען האלטן מיט'ן אמת און אז אלע אונזערע מעשים זאלן אייביג זיין לשם שמים און נישט לשם צו געפעלן פאר אנדערע.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## זיך איבערגעבעטן דרייסיג יאר שפעטער

אין די היינטיגע וועלט ווען מען האלט אין איין פארן און קומען וועט א גאסט נישט אויסרופן אזא באגייסטערונג, אבער ווען מיר זענען געווען קינדער און מען האט געהערט אז עס איז אנגעקומען אין אונזער שול א גאסט פון די גרויסע שטאט לאנדאן, איז די באגייסטערונג געווען אויסטערליש גרויס.

יעדער אינגל אין שול האט אים געגעבן שלום און נאר געוואלט כאפן א שמועס מיט אים.

פון אונטער די ערד האט מען געזוכט זאכן וואס צו רעדן מיט אים, נאר צו האבן א געלעגענהייט צו רעדן מיט דער גאסט.

איין טאג, זוכנדיג וואס צו רעדן מיט אים, האב איך אים א פרעג געגעבן ווען ער פארט אהיים. דער איד האט אפגעלערנט מיין שאלה אז איך פרעג אזוי ווייל איך ווארט שוין אז ער זאל אהיימפארן פון לאנד, און האט זיך זייער שטארק באליידיגט פון די שאלה, **מער האט ער נישט געוואלט רעדן מיט מיר.**

ווען איך האב פראבירט אים צוגעבן צו פארשטיין אז איך האב גארנישט געמיינט מיט דעם, אז איך האב סך הכל געפרעגט א שאלה, האט עס אים נאר מער אויפגעברויזט און ער האט זיך נאך מער באליידיגט.

זעענדיג אז עס גייט נישט דאס איבערבעטן, עס מאכט נאר ערגער, האב איך מער נישט גערעדט צו אים דערוועגן און געהאפט אז עס וועט נאך קומען צוגיין דער טאג ווען איך וועל זיך קענען איבערבעטן מיט אים.

די יארן זענען געלאפן און מען האט פון הימל צוגעפירט אזוי אז איך זאל זיין צוגאסט אין לאנדאן. זייענדיג דארט האט מיר איין טאג באפאלן א שוואכקייט און זעענדיג א שול פארנט פון מיינע אויגן בין איך אריין.

אנקומענדיג אין שול האב איך געזען ווי א איד זיצט דארט און לערנט און זיין פנים איז מיר קענטליך פון ערגעץ. אזוי נישטערנדיג אין די קעמערליך פון מיין מח צו דערגיין פון וואו איך קען אים, האב איך זיך דערמאנט פון די יעניגע מעשה און אים דערקענט **אז ער איז דער איד.**

איך האב באשלאסן אז אויב איך האב פאר מיר אזא גוטע געלעגנהייט לאמיר עס אויסנוצן. איך בין צוגעגאנגען צו אים און איך האב אים געפרעגט צי ער איז אפשר געווען מיט דרייסיג יאר צוריק אין ארץ ישראל? ער האט געזאגט אז יא און האט אויך געדענקט די יעניגע פאל.

איך האב אים געזאגט ווער איך בין, און אז איך בין יענער קינד און אים אויסגעקלארט די יעניגע געשעעניש. דער איד האט עס אנגענומען און מיר מוחל געווען פאר די יעניגע פאל און מיר זענען געווארן גוטע פריינט.

**איך האב געזען אין די מעשה א השגחה פרטית, וויאזוי עס האט זיך געפירט אז עס זאל מיר אנכאפן א שוואכקייט און איך זאל אריינגיין אין די שול צו קענען טרעפן דעם איד און זיך איבערבעטן מיט אים.**

[דערציילט דורך דער בעל המעשה ש.פ.]

**די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922**

# טיב המעשיות

די מפרשים מוטשען זיך צו ערקלערן דער סמיכות פון די צוויי זאכן, וואו קומט אריין דער ענין פון מעשים טובים, צו דער ענין פון די קינדער פון נח, וואס דער פסוק הייבט אן מיט "אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ", און איז מפסיק אינצווישן מיט די ווערטער "אִישׁ צַדִּיק", און שפעטער גייט דער פסוק צוריק צו דער ענין פון די קינדער וואס זענען געבוירן געווארן צו נח. דארף מען דאך פארשטיין, דער פסוק קומט דאך דא נאר זאגן אז נח האט געבוירן דריי קינדער, אויב אזוי, וואו קומט דא אריין דער ענין פון מעשים טובים?

נאר, דער פסוק קומט אונז דא מרמז זיין, אז מיר זאלן זיך אויסלערנען וויאזוי אויפצושטעלן ערליכע דורות, אזוי ווי נח וואס צום ערשט איז ער געווען אן "אִישׁ צַדִּיק תָּמִים", כדי ער זאל קענען מחנך זיין די קינדער, און זיי אוועקשטעלן אויפן ערליכן וועג, און דערנאך האט ער זוכה געווען צו ברענגען די קינדער אויף דער וועלט.

דעריבער זאגט דער פסוק צום ערשט, נאך איידער מען רעכנט אויס די קינדער פון נח, אז אין אנהייב האט זיך נח צוגעגרייט צו מחנך זיין זיינע קינדער אויפן ריכטיגן וועג – דורכדעם וואס ער אליין איז געווען "נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים" – און נאר נאכדעם שטייט "וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים", און פון דעם זענען מיר טאקע אז "עִיקַּר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים מַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים", וואס דאס איז דער שורש פון די הכנה צו ערליכע קינדער.

אזוי ווי עס איז באקאנט די קלוגע ווערטער וואס דער חזון איש זצוק"ל האט געענטפערט, ווען מען האט אים געפרעגט, פון וועלכער עלטער הייבט זיך אן דער חינוך פון די קינדער? – **וויניגסטנס צען יאר איידער זיי ווערן געבוירן...**

דאס הייסט, אז צום ערשט זאל מען זיך אליין מחנך זיין צו זיין אן "אִישׁ צַדִּיק", און נאר נאכדעם קען ער ארויפגיין צום קומענדיגן שטאפל, וואס דאס איז "וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים"...

דאס אלעס קומט אונז לערנען דעם הייליגן פליכט וואס מיר האבן, צו מחנך זיין די קינדער פון יונגווייז אן, מיט ליבשאפט און מיט ערליכקייט, זיי צו לערנען די וועגן פון מוסר, אזוי ווי דער חָכָם מִכָּל הָאָדָם, שלמה המלך עליו השלום, לערנט אונז (משלי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר".

פאלגנד וועט איר ליינען מיטן אויבערשטנ'ס הילף, א וואונדערליכער דערציילונג, וואס לערנט אונז איבערן געוואלדיגן פליכט פון די עלטערן, זיך צו מתבונן זיין וויאזוי צו ערציען די קינדער אויפן גלייכן וועג, און נישט נאר זיי צו ברענגען אויף דער וועלט און זיי געבן אלעס וואס זיי ווילן און פארלאנגען...

•••

## תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים

**"אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ – נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים וגו' – וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים" (ו, ט). און רש"י איז מפרש, אז פון דא לערנען מיר ארויס, אז דער עיקר 'תולדות' פון די צדיקים, איז זייערע מעשים טובים.**

אט דער וואונדערליכער דערציילונג, איז געשען אין א חשוב'ער תלמוד תורה (די איינצלהייטן און די נעמען, זענען זעלבסטפארשטענדליך געטוישט געווארן).

איינער פון די קינדער וואס האבן געלערנט אינעם חשוב'ן תלמוד תורה, איז געווען זייער א שווערער תלמיד... ער איז געקומען פון זייער א רייכע הויז, ווען זיינע עלטערן 'שטאפן' אים אן מיט דאס שענסטע און בעסטע. גארנישט האט אים געפעלט, און וואס ער האט נאר געגלוסט האט ער גלייך באקומען 'אויף א זילבערנעם טאץ', צי דאס איז געווען מתנות, שפילצייג, זיסווארג, און וואס נישט...

אבער צו יעדנ'ס וואונדער, איז דער רייכער אינגל אלעמאל ארומגעגאנגען **זייער נאכגעלאזט און צובראכן**, ווען דאס רואיגקייט און צופרידנקייט איז זייער ווייט פון אים... דאס האט געהאט זייער שווערע נאכפאלגן, בעיקר מיט דעם וואס ער פלעגט פייניגן זיינע חברים אין כתה. ער פלעגט טון וואס ער האט נאר געקענט, צו פארדינען אביסל **אויפמערקזאמקייט**, אפילו אויב דאס איז געקומען אויף זייער א נעגאטיוון (שלילי) אופן.

די מלמדים און די הנהלה פון דער חדר, האבן עס נישט געקענט פארשטיין: פארוואס דארף אזא אינגל אזוי שטארק זוכן אויפמערקזאמקייט? זיינע עלטערן געבן אים דאך אזויפיל טייערע זאכן! זיינע טעשעלעך און העפטן, ווי אויך זיינע קליידער און געצייג, זענען אלעמאל געווען פון די שענסטע און טייערסטע... וואס פעלט דען פאר אזא קינד?

די פראבלעמען זענען נאר געווארן ערגער פון טאג צו טאג. ביים מנהל האט זיך אנגעהויפנט פילע טענות קעגן דעם אינגל פון פילע ריכטונגען, סיי פון די מלמדים און אנדערע ארבעטער אינעם תלמוד תורה, סיי פון זיינע חברים אין כתה, און אויך פון עטליכע עלטערן וועלכע האבן געפילט אז זיי קענען נישט שווייגן קעגן די פייניגונגען וואס זייערע קינדער האבן געהאט צו ליידן פון דעם אינגל אין כתה.

מצב, האט דער מנהל, וועלכער איז געווען אן אויסגערופענער מחנך, מיט ערפארונג פון אסאך יארן, באשלאסן אז ער וועט אליין נאכקוקן דעם אינגל, און פרובירן אויסטרעפן וואס איז דער שורש פונעם פראבלעם פונעם קינד, און פארשטיין וואס עס דרוקט אים, און וואס עס פעלט אים אינעווייניג אין די טיפענישן פון זיין זעל.

אבער וויפיל דער מנהל האט פרובירט נאכקוקן דעם אינגל, מיט אלע וועגן און מיטלען וואס זענען אים געשטאנען צו די הענט, האט ער גארנישט אנטפלעקט... ער האט אים נאכגעקוקט ביי די הפסקות, זיך לאנג נאכגעפרעגט אויף אים ביי די מלמדים, ער האט אבער גארנישט געפינען...

ווען דער מנהל האט געזען ווי עס האלט, האט ער איין טאג אריינגערופן דעם אינגל ביי זיך אין צימער, צוליב עטליכע 'ווייטאגליכע' פעלער וואס דער אינגל האט 'אנגעמאכט' אין חדר... אזוי רעדנדיג, האט זיך געעפנט דאס הארץ פונעם קינד, און ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען, אז **קיינער האט אים נישט ליב...**

האט אים דער מנהל געפרעגט ליבליך: און דיין טאטע און מאמע, האבן זיי דיר דען נישט ליב? – ניין! האט דער אינגל געענטפערט. **מיין טאטע געבט מיך גארנישט!**

דער מנהל האט נישט געקענט פארשטיין די ווערטער פונעם קינד. ער איז ארויסגעגאנגען פונעם באגעגעניש אינגאנצן צעטומלט. איבערהויפט ווען מיט עטליכע טעג שפעטער האט ער געכאפט א לענגערע שמועס מיטן טאטן פונעם קינד, און ער האט אים דערציילט וויפיל זיי זענען משקיע אינעם קינד, און אז ער האט ממש פון כל טוב, וואס עס גלוסט זיך אים נאר! און ער געבט אויס פאר אים **א הון רב יעדן חודש!**

דער חִידָה איז יעצט געווארן פילפאכיג שווערער. די סתירה האט געשריגן עד לב השמים. פון איין זייט טענה'ט דער קינד, אז זיין טאטע געבט אים גארנישט... און פון די אנדערע זייט טענה'ט דער טאטע, אז וואס דער קינד וויל נאר – באקומט ער, **און ער האט ממש הַכֹּל בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל!**

ביים קומענדיגן שמועס וואס דער מנהל האט געהאט מיטן אינגל, האט אים דער מנהל געפרעגט: דו האסט דאך ממש פון די שענסטע און די בעסטע, וואס דו טוסט נאר וועלן באקומסטו גלייך, פארוואס זאגסטו אז מען האט דיך נישט ליב?

דער ענטפער פונעם קינד, האט געלאזט דעם מנהל ערשטוינט: **מיין טאטע געבט מיך גארנישט! איך נעם אלעס אליין...**

אצינד האט דער מנהל

המשך אין עמוד ד'

אויסגעפינען, אז די עלטערן פונעם קינד זענען געווען פארנומען מיט זייער 'ביזנעס' ביז איבערן קאפ, און כדי צו פארגרינגערן אויפן קינד, אז ער זאל נישט דארפן בעטן יעדן מאל וואס ער דארף עפעס, **האט אים דער טאטע איבערגעלאזט אין זיין לעדל, א בערזל אנגעפילט מיט געלט,** און יעדן מאל וואס דער אינגל האט עפעס געוואלט, האט ער זיך ארויסגענומען געלט לויט זיין חשק, און האט זיך איינגעקויפט וואס עס האט זיך אים נאר פארגלוסט.

אזוי איז דער זאך שוין געווארן א געוואוינהייט, אז דער טאטע געפינט זיך אינגאנצן אריינגעטון אין זיינע געשעפטן, און פולט אן געלט אינעם לעדל פונעם קינד... און דער קינד געבט אויס די געלט פאר אלעס וואס עס גלוסט זיך אים, ביז דער קינד האט אינגאנצן פארגעסן אז דער טאטע איז דער וואס געבט אים אלעס, און האט געשפירט א געוואלדיגער חסרון אין זיין זעל, ביז ער האט אויסגעשריגן פון טיפעניש פון הארץ – **'מיין טאטע געבט מיר גארנישט'...**

נורא ואיום!

[דא קען מען צושטעלן די ווערטער פון די גמרא אין מסכת יומא (דף עו ע"א), אז די תלמידים האבן געפרעגט רבי שמעון בן יוחאי, פארוואס איז נישט אראפגעגאנגען מן פאר די אידן איינמאל אין יאר, פאר די גאנצע יאר? האט רבי שמעון זיי געענטפערט, אז ער וועט עס ערקלערן מיט א משל, אז א מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם האט געהאט איין זון, און ער האט אים צוגעשטעלט פרנסה פאר א יאר צייט, און דער זון פלעגט נאר קומען אים זען איינמאל אין יאר. האט ער אנגעהויבן אים צו געבן זיין שפייז יעדן טאג, און פון דעמאלטס האט ער אים אנגעהויבן מקבל פנים זיין יעדן טאג. אזוי איז אויך ביי די אידן. ווער עס האט געהאט פיר אדער פינף קינדער, פלעגט זיך זארגן, טאמער וועט מארגן נישט גיין קיין מן, וועלן זיי דאך אלע שטארבן פון הונגער. דעריבער האבן אלע אינזינען געהאט און געבעטן דעם אויבערשטן פרנסה יעדן טאג].

ווען מיר וועלן טיפער אריינטראכטן אין די מעשה, וועלן מיר זען אז דער אינגל, זייענדיג א קינד אין א שטוב מיט קינדער, האט ער געפילט אז ער איז נישט מער ווי א 'נומער'... עס איז דא א פערטער קינד, א פינפטער קינד, און ער איז דער זעקסטער אין די רייע... דעריבער, כאטש עס האט אים גארנישט געפעלט, האט ער נישט געשפירט אז מען באציט זיך צו אים ווי א מענטש, און אוודאי האט ער נישט געפילט אז מען שענקט אים די ליבשאפט וואס ער האט געדארפט האבן פאר זיין זעל, נאר פשוט אזוי ווי 'נאך א נומער', רחמנא ליצלן. אינדערצייט וואס יעדער נפש מישראל ווערט גערעכנט ווי אן 'עולם מלא', אזוי ווי חז"ל זאגן אין מסכת סנהדרין (דף לז ע"א).

הגה"צ רבי דניאל פריש זצ"ל, איינער פון די צדיקי ונקיי הדעת שבירושלים, שרייבט אין זיין צוואה: **איך האב ליב געהאט יעדער איינציגער פון אייך ממש ווי א בן יחיד, און איר האט דאס אוודאי געשפירט און געפילט....**

• • •

ווען די 'נתינה' קומט אויפן ריכטיגן וועג, שפירט דער קינד אז ער באקומט עפעס פון הארץ... עס מוז נישט דווקא קאסטן אסאך געלט, און ער דארף נישט ספעציעל באקומען א טייערע מתנה, ווייל געוויינליך דארף א קינד נישט מער ווי אביסל הארץ...

איינמאל, ווען א חשוב'ער רב וועלכער איז געווען פון די גדולי ירושלים, איז געגאנגען אין גאס, האט ער באגעגנט זיין יונגער אייניקל, א בר-מצוה בחור'ל, וואס איז נארוואס צוריקגעקומען פון תלמוד תורה, און אין האנט האט ער געהאלטן א תעודה וואס ער האט באקומען פארן זיך אויסצייכענען אין גאר א שווערער פארהער, **צו וועלכן ער האט זיך אנגעגרייט פאר לאנגע וואכן און חדשים.**

ווען דער בחור'ל האט געזען זיין זיידן אין גאס, איז ער גלייך צוגעגאנגען צו אים מיט גרויס שמחה, און מיט א שיינענדיגן פנים האט ער אים געוויזן דעם אויסגעווארטן אויסצייכענונג. ווען דער זיידע האט געזען דעם געוואלדיגן שמחה פון זיין אייניקל מיטן תעודה, האט ער זיך שטארק מיטגעפריידט מיט אים, און פון זיין גרויס הנאה און פרייד, **האט ער אים געגעבן א קוש אין שטערן!** אזוי אין זייט פונעם גאס...

מיט עטליכע וואכן שפעטער, האט דער בחור'ל תמימות'דיג דערציילט פאר זיין מאמע, אז ער שפירט נאך דעם זיסן טעם פון אט דעם קוש וואס זיין זיידע האט אים געגעבן אין גאס, עפעס וואס האט אים זייער שטארק געהויבן און מחזק געווען!!! און דערביי האט ער זיך אויסגעדרוקט אז דאס איז **די טייערסטע מתנה** וואס ער האט באקומען אין זיין לעבן...

[מתוך טיב השידוכין מהדו"ד עריכה מחודשת, שער הבית פ"ו חינוך הילדים אות א]





## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנ.צ.ב.ה.

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173